THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY OCT 26

שוועסטער-אונ[illegible] פרויען קולט. פארב. פון ת"ת היינט, מאנטאג, אקט. 19-טן ת"ת זאל 8.30 אוונט אין

וועטער: אנבייסטן קלאר און ווארים

זון אויפגאנג — 6.54.
זון אונטערגאנג — 5.31.

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

The Israelite Daily Press

Largest Circulation
of any Newspaper entering Jewish Homes in Western Canada.

מער פארשפרייט
אין די אידישע היימען פון מערב קאנאדע ווי אלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען צוזאמען

Vol. 21, No. 231. Monday, Oct. 19, 1931.
Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
מאנטאג, ח' חשון, תרצ"ב.

אנב-אורחא

פון מארק

מען ראטעוועט די ציוויליזאציע

אז מיט אונזער "ציוויליזאציע" האלט עס גאנץ שמאל, איז גאר ניטא וואס צו ריידן. ווען ניט, וואלט מען דאך ניט געהאלטן אין איין ריידן וועגן ראטעווען זי: א זאך וואס שטייט פעסט איינגעפונדעוועט דארף מען ניט ראטעווען.

אבער אינטערעסאנט איז ניט אזוי וואס עס האלט מיט איר שמאל, — דאס איז שוין גאר ניט אזוי אינטערעסאנט, ווייל אין דער שמאלקייט ווערט דערוויייל פון אונז ארויסגעדריקט די נשמה, — ווי דאס, וואס מענשן אפילו די קאנסערוואטיווסטע און סאמע איינגעפאנצערטסטע פון זיי, הויבן דאס אן זעען און אנערקענען.

עס איז שוין מער ניט קיין "שקאצריי" צו ריידן וועגן דעם, אז עפעס ערנסטעס מוז געטאן ווערן, — א שקאצריי, וואס פאסט זיך בלויז פאר קאמוניסטלאך און סאציאליסטלאך. עס הויבן אן אנערקענען דעם צוזאמענברוך ביי וועלכן "אונזער ציוויליזאציע" האלט אפילו אזעלכע לייטישע מענשן, ווי באנקירן, חשוב'ע שטאטסלייט, קאנסערוואטיווע עקאנאמיסטן א. א. וו.

און פרעמיער לאוואל פון פראנקרייך, וועלכער איז חלילה ניט געשטויכלט אויף ראדיקאליזם, דערקלערט, אז ער פארט קיין אמעריקע צו זעען וואס מען קאן טאן צו ראטעווען "די אלטע ציוויליזאציע!"

נו, הייסט עס דאך טאקע, אז "די אלטע ציוויליזאציע" איז שוין ביזן האלז אין וואסער, אויב לאוואל פארט אזוי ווייט צו ראטעווען זי . . .

* * *

די וועלט איז אומרואיק. זי געפינט זיך אין א מצב פון אויפברויז. מען פילט זיך עפעס ווי אויף א ווולקאן, וואס אט־אט וועט ער מיטאמאל, אן א ווארענונג, אויספלאצן.

רואיק איז בלויז די אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע. זי זעט ניט קיין שום געפאר פאר דער ציוויליזאציע. אויב זי איז פון עפעס יא ערנסט באזארגט, איז עס פון דעם, וואס הענדערסאן וויל אפשאפן די מלחמה חובות, וואס וועט מיינען, אז די אמעריקאנער קאפיטאליסטן זאלן חלילה פארלירן אביסל פון זייער געלט, — "אונזער געלט", — ווי דער קלוגער מעטיו וואל האט עס אנגערופן ביי דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער ארבעטער פעדעראציע אין וואנקאווער.

די רעוואלוציאנערסט רעזאלוציע פון דער קאנווענשאן איז געווען — פאר 2.75 פראצענטיקע ביר. אפילו דא האט זי ניט געוואגט גיין ווייטער ווי 2.75 פראצענט

פאליטיק? חלילה. א סטראשע געטאן בלויז די פארטייען, אז אויב זיי וועלן ניט זיין גוט צו די ארבעטער, קאן עס נאך "חלילה" פירן צו דעם, אז ארבעטער זאלן זיך נעמען פאר פאליטיק.

אפילו פון ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג אפגעזאגט זיך, — ס'איז א נעפערלאכע זאך: גלייך ווי אז זיי וואלטן געפאדערט, וואלט מען עס זיי שוין אונטערגעטראגן.

אלץ וואס זיי ווילן, איז נאך עטלעכע סענט שכירות, אביסל א קירצערן ארבעטס טאג, — א קליינטשינקע לאטע אויפן גרויסן ריס פונם צעפלאצטן בגד פון דער "אלטע ציוויליזאציע".

און די זיבן מיליאן ארבעטסלאזע?

א, פאר זיי מוז מען זיך זארגן, — אביסל די רעגירונג, אביסל גוטע מענשן

און איבערהויפט, למען־השם, קיין אימיגראנטן!

* * *

נישקשה, פרעמיער לאוואל פון פראנקרייך וויים וואוהין צו קומען נאך א רעטונג פאר דער "אלטער ציוויליזאציע", וועלכע איז א חולה מסוכן אין אייראפע.

אין אמעריקע שטייט זי, די אלטע ציוויליזאציע, אויף זייער פעסטע יסודות. די וואס טרייסלען אומעטום איר זיילן, זיינען דא אין אמעריקע טאקע די שטארקסטע זיילן אויף וועלכע זי שטיצט זיך.

ראקעפעלער? פארד? מארגאן?

חלילה. אדרבא, עס דוכט זיך, אז די זיילן הויבן זיך שוין אן צו בויגן. אט דערציילט דאך גענעראל באטלער, אז א צאל אמעריקאנער מולטי־מיליאנערן זיינען גרייט אוועקצוגעבן האלב פון זייערע קאפיטאלן, כדי צו מאכן א סוף צום קלעם. אהט הויבן דאך אמעריקאנער מולטי־מיליאנערן אן צוגעבן, אז עס איז עפעס ניט גאר יושר'דיק ווי די וועלט פירט זיך . . .

אבער למען־השם, זאגט זיי אז זיי זאלן חלילה ניט מאכן קיין ראשיקן שריט, ווייל זיי וועלן זיך פארשעמען מיט וויליאם גרין און מיט מעטיו וואל: זיי בריגן זיך ניט, זיי זיינען די אמת'ע זיילן פון דער "אלטער ציוויליזאציע", דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, וואס צעפלאצט איצט אויף שטיקלאך, ווי אן אלטער, אויסגעטראגענער בגד, וואס דער טרעגער איז פון אים ארויסגעוואקסן.

* * *

און דאריבער, רבותי, עסט און טרינקט און לאזט זיך וואויל גיין, — אויב נאר איר האט פאר וואס אדער אויב איר האט וואו צו בארגן, — און האט ניט קיין מורא פאר קיין אויפטרייסלונגען און רעוואלוציעס, — יעדנפאלס ניט אויף אונזער זייט פונם ים.

און אוי אוי באיר האט ני טקיין פרנסה, טא ניט זיצט און ווארט ביז "די שעה" וועט שלאגן און וועט אייך ארויפזעצן אויפן פערד, — די "שעה" איז נאך דערוויייל דא גאנץ ווייט, און איר האט די בעסטע געלעגנהייט אויסצוגיין נאך א סך מאל פון הונגער, ביז זי וועט שלאגן.

"אונזער אלטע ציוויליזאציע" אין ניצע . . .

אמעריקאנער אידישער קאנגרעס עפנט סעסיע אין פילאדעלפיע

אידישע לאגע פארערגערט אומעטום, אויסער אין סאוועט רוסלאנד, לויט'ן באריכט — דיסקרימינאציעס קעגן אידן אין אמעריקע באריכטעט

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

פילאדעלפיע, אקט. 19 (איטא).— די שווערע לאגע פון די אידן אין רומעניע, ליטע, פוילן, דייטשלאנד און מעקסיקא איז דא נעכטן געשילדערט געווארן ביי דער עפענונגס זיצונג פון דעם יערלאכן צוזאמענפאר פונם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס.

עטלאכע הונדערט דעלעגאטן, פון פארשיידענע טיילן פון לאנד, זיינען געווען אנוועזנד ביי דער זיצונג. די רעדנער, רבי סטיווען וויז, עקס־פרעזידענט; מר. דייטש, פרעזידענט, און מר. ריטשארדס, סעקרעטאר, האבן אפעלירט פאר דעם צוזאמענרוף פון אן אלוועלטלאכן אידישן קאנגרעס וואס זאל זיך שטעלן פאר זיין ציל איבערצובויען דאס אידישע לעבן אויף נייע יסודות.

די אידישע לאגע איז אומעטום פארערגערט געווארן פארן יאר, לויטן באריכט פון דער אדמיניסטראטיווער קאמיסיע, מיטן אויסנאם פון סאוועט רוסלאנד, וואו פארבעסערונג אין דער אידישער לאגע ווערן באריכטעט. אבער דארטן האלטן נאך אן די שטארקע רדיפות אויף ציוניסטן.

דיסקרימינאציעס קעגן אידן אין קאלעדזשעס און אין באשעפטיקונג אין די פאראייניקטע שטאטן זיינען אויך באריכטעט געווארן פון דער קאמיסיע. די דיסקרימינאציעס פילן זיך באזונדערס שטארק אין די מעדיצינישע פאקולטעטן, און עס פאסירט שוין אפילו אין אמעריקע אז אידישע סטודענטן זאלן מוזן פארלאזן זייערע היימען און פארן אין אויסלאנד צו קריגן א מעדיצינישן אטעסטאט.

רבי וויז האט אין זיין רעדע אויפגעפאדערט די סעסיע צו האבן מוט אין אננעמען אירע באשלוסן. מר. דייטש האט דערקלערט, אז די וועלט האט נאך ניט געמאכט קיין שום שלום מיט די אידן. עס איז נויטיק, האט ער געזאגט, א נייע פסיכאלאגיע און א נייער שטאנדפונקט צו קעמפן קעגן דער דראענדיקער צעפאלונג.

"א נייער געמיינשאפטלאכער געפיל פון אחריות איז נויטיק", האט מר. ריטשארדס אין זיין רעדע דערקלערט, באריכטנדיק, אז דער עקאנאמישער קריזיס האט באווירקט די ארבעט פונם קאנגרעס.

אל-קאפאני געפונען שולדיק אויף פינף קלאגעס פון אינקאם טעקס באריכט שווינדל

אים דראעט אורטייל פון 17 יאר טורמע און 50 טויזנט דאלאר שטראף, אבער ער מאכט דערוויייל פלענער פאר א לוסט רייזע

שיקאגא, אקט. 19.— אל. קאפאנע, באריכטער שיקאגער אונטערוועלט קעניג איז פון געריכט געפונען געווארן שולדיק אויף פינף קלאגעס פון שווינדעל מיט זיינע אינקאם טעקס באריכטן. מארגן (דינסטאג) איינדערפרי דארף ער דערשיינען פאר ריכטער דזשיימס ה. ווילקערסאן און אויסהערן זיין אורטייל, וואס קאן באטרעפן ביז 17 יאר טורמע און 50 טויזנט דאלאר שטראף.

אבער אנשטאט צו גיין אין טורמע, מאכט קאפאנע דערוויייל פארבארייטונגען צו פארן פאר אן אפרו אין זיינע קעניגלאכע פאלאצן אויפן פאלם אינזל, ניט ווייט פון מיאמי, פלארידא. וועט ער פאראורטיילט ווערן, וועלן זיינע אדוואקאטן בלויז אפעלירן דעם אורטייל און ער וועט געלאזן ווערן פריי אויף 50 טויזנט דאלאר ערבות, ביז דער העכערער געריכט וועט ארויסגעבן זיין אורטייל.

קאפאנע האט קעגן זיך געהאט 28 קלאגעס פון באשווינדלען דעם אינקאם טעקס דעפארטמענט אויף 215 טויזנט דאלאר. די דזשורי האט אים געפונען שולדיק בלויז אויף 5 קלאגעס.

שוין דריי יאר אז די רעגירונג קעמפט פאר פארזעצן קאפאנע אין געפענגעניש, און דער קאמף האט שוין דער רעגירונג געקאסט איבער 100 טויזנט דאלאר. צי זי האט איצט אויסגעפירט, איז נאך א גרויסער ספק. — יעדנפאלס איז זיכער, אז ער וועט נאך זיין פריי צוויי יאר צייט, פארציענדיק דעם פראצעס.

נארט-ענדער גענגסטערס ארעסטירט נאך א בלוטיקן געשלעג

פינף נארד־ענדער גענגסטערס זיינען שבת אוונט ארעסטירט געווארן, נאך א בלוטיקן געשלעג צווישן צוויי קענגערישע באנדעס, וואס האט זיך פארענדיקט מיט א צאל ערנסט צעשלאגענע און מיט נאך אונטערגעהאקטע אויגן און געשוואלענע פנים'ער.

דער געשלעג האט זיך אנגעפאנגען ווען צוויי חברה לייט זיינען באפאלן א מיטגליד פון א קענגערישער באנדע און האבן אים שרעקלאך צע'ממית'ט, איבערברעכנדיק אים א האנט. דער צעשלאגענער האט דאן ארויסגערופן זיינע חברים, וועלכע האבן אטאקירט די צווייטע באנדע, און אן אלגעמיינער געשלעג איז אויסגעבראכן.

די פאליציי איז אנגעקומען אויפן טומל שוין נאכדעם, ווי די אנטיילנעמער האבן געהאט פארגאסענע פנים'ער און אונטערגעשלאגענע אויגן, אבער איר איז געלונגען צו פארהאלטן פינף חברה־לייט, וועלכע דארפן היינט דערשיינען פארן פאליציי געריכט צו ענטפערן אויף קלאגעס פון שטערן די רו.

(::)

נייע געביידעס אויף איבער 4 מיליאן דאלאר אויפגעשטעלט אין וויניפעג

פון דעם ערשטן יאנוואר ביז דעם 17טן אקטאבער זיינען אין וויניפעג אויפגעבויט געווארן נייע געביידעס אויף דער סומע פון 4 מיליאן און 110 טויזנט דאלאר.

צווישן די דאזיקע געביידעס זיינען אויסגעבויט געווארן 378 הייזער אינם ווערט פון איין מיליאן, 635 טויזנט און 700 דאלאר. פאר דעם זעלבן פעריאד אין 1930, זיינען אויפגעבויט געווארן 457 הייזער וועלכע האבן באטראפן צוויי מיליאן און 55 טויזנט דאלאר.

(::)

קאנאדער דאלאר פעסט אויף דער בערזע

ניו־יארק, נ. י., אקט. 19.— דער קאנאדער דאלאר האט זיך שבת געהאלטן פעסט אויף דער היגער בערזע, צו 89 סענט. דער בריטישער פונט סטערלינג האט זיך שבת געשלאסן צו $3.88 מיט א פערטל סענט, א געווינס פון דריי־פערטל סענט אין פארגלייך מיט פרייטאג.

טאקע שטארק קראנק, אבער אויב זי קאן זיך ניט שלעפן אויף אירע אייגענע פיס, טראגן זי אויף זייערע שטארקע פלייצעס די גרינס, די וואלס און די מורס.

און הינטער זיי שטייען מיליאנען ארבעטער, וואס זייער גאנצע שטרעבונג איז בלויז א פולע פאמויניצע (פול דינער פעיל). און זיי מוזן האבן א באַקעבאס, וואס זאל צושטעלן די פאמויניצע . . .

אלע צדדים גייען אויף פשרות פאר עפענונג פון ציוניסטישע שולן אין ארץ ישראל

אגענטור פארקלענערט שניט, לערער גיבן אויף א חודש געהאלט

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ירושלים אקט. 19 (איטא).— דער פלאנטער מיט די ציוניסטישע שולן אין לאנד האלט ביי געלייזט ווערן, ווייל די אגענטור האט איינגעשטימט צו שניידן איר רעדוקציע פון 20 צו 16 טויזנט פונט, בתנאי אז איר בייטראג צום שול סיסטעם זאל ניט איבערטרעפן 40 טויזנט פונט פארן יאר, און דער ישוב זאל אויף זיין חלק בייטראגן נאך פינף טויזנט פונט

די לערער ,פון זייער זייט, אויפגעבנדיק א חודש געהאלט, מאכן דערמיט א בייטראג פון זיבן טויזנט פונט. די אגענטור האט אויך איינגעשטימט צו באטראכטן גינסטיק דעם פלאן, אלע מיטגלידער פון דעם פערסאנאל פון דער עקזעקוטיווע זאלן בייטראגן א חודש געהאלט לטובת דעם בילדונגס סיסטעם.

(::)

הערי גוסין, באקאנטער פיאניסט, טויט

הערי גוסין, באקאנטער פיאנא לערער, און אלטער וויניפעגער תושב, איז לעצטן פרייטאג אוונט געשטארבן נאך א קורצער קראנקהייט אין עלטער פון 53 יאר. ער האט איבערגעלאזן א ברודער, פ. גוסין, צוויי שוועסטער, מרס. ס. פארטנאוו און מרס. ס. קאליד (מעטלאק) און פלימעניקעס און פלימעניצעס.

די לויה איז פארגעקומען פון דער היים פון זיין שוועסטער, מרס. פארטנאוו, 328 באיד עווע., זונטאג 3 נ. מ., צום שערי צדק בית עלמין, און א גרויסער עולם האט אים באגלייט צו זיין אייביקער רו.

צווישן מר. גוסינס געוועזענע שילער זיינען דא איינקע פון די אנגעזעענסטע יונגע פיאניסטן פון וויניפעג, ווי רבקה ניידיטש, מרס. פלייטער, מרס. הערשפילד, מרס. ה. גרינבערג.

(::)

הענדערסאן האפט צו פארן קיין זשענעווע

לאנדאן, אקט. 18. —ריידנדיק ביי א פארזאמלונג אין בארנלי, האט ארטור הענדערסאן געזאגט, אז ער האט בדעה צו פארן קיין זשענעווע אלס פארזיצער פון דער קומענדיקער אנטוואפענונג קאנפערענץ, ווייל ער איז באשטימט געווארן צו דער דאזיקער פאזיציע.

ווען מר. הענדערסאן איז דערוויילט געווארן צו זיין דער פארזיצער פון דער קומענדיקער אנטוואפענונג קאנפערענץ, איז ער געווען דער בריטישער מיניסטער פאר אויסלענדישע ענינים. איצט איז ער דער פירער פון דער ארבעטער פארטיי וועלכע איז אין אפאזיציע צו דער נאציאנאלער רעגירונג.

(::)

אוונט קורסן פאר דערוואקסענע אין איד. פאלקס-שול

די פארוואלטונג פון דער אידישער פאלקס־שול איז צוגעטראטן צו גרינדען אוונט קורסן פאר דערוואקסענע ביי דער שול. די רעגיסטראציע פאר די קורסן וועט זיך אנפאנגען די קומענדיקע טעג.

די קורסן וועלן געפירט ווערן צוויי־דריי מאל א וואך אין אוונט. די געגנשטאנדן וואס וועלן געלערנט ווערן וועלן זיין: אידיש, העברעאיש און אידישע געשיכטע. לויט דעם ארויסגעזאגטן פארלאנג פאר אזעלכע קורסן מצד פיל דערוואקסענע איז צו דערווארטן אז די צאל פון די באזוכער וועט זיין א גאנץ היבשע.

פוילישע סטודענטן אטאקירן אידן

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ווארשע, אקט. 19 (איטא).— די אנטיסעמיטישע סטודענטן האבן אנגעפאנגען דעם נייעם לערן־יאר נעכטן דא און אין לעמבערג מיט אנטי־אידישע דעמאנסטראציעס. צווישן אנדערש האבן זיי צעשמעטערט די פענסטער פונם אידישן אקאדעמישן הויז.

א קריסטלאכער ארבעטער, א צופעליקער פארבייגייער, וועלכן די אנטיסעמיטן האבן אפנים אנגענומען פאר א אידן, איז פון זיי ערנסט פארוואונדעט געווארן.

(::)

שריפה צעשעדיקט געביידע אויף מיין סטריט

שבת ארום 11 אזייגער ביינאכט האט זיך אנגעצונדן די 2 שטאקיקע געביידע —919 און 921 מיין סט. וואס איז געווען פארנומען פון דער מאניטאבא דזשאבינג קאמפאני און פון דער וועסטערן עלעקטריק מאנופעקטשורינג קאמפאני, דאס אייגנטום פון דזשא גרינבערג.

די מאניטאבא דזשאבינג קאמפאני האט געליטן א פארלוסט פון ארום $20.000 און איז געווען פארזיכערט בלויז אויף ארום $5,000. די וועסטערן עלעקטריק קאמפאני האט געליטן א פארלוסט פון ארום $2,000 און איז מיליוויז פארזיכערט קעגן פייער. די אורזאך פון דער שריפה איז אומבאקאנט.

די שכנים פון צוויי סויטס פון אויבערשטן שטאק זיינען ארויסגעלאפן פון זייערע וואוינונגען געטריבן פון דעם געדיכטן רויך.

(::)

אוונט קורסן ביי איד. ארב. קולטור קלוב פולשטענדיק ארגאניזירט

די אוונט קורסן אין י. ל. פרץ שול, ארגאניזירט פון איד. ארב. קולטור קלוב, מיט דער מיטהילף פון לערער ראט פון פרץ־שול, זיינען איצט שוין פולשטענדיק ארגאניזירט.

דאס פראגראם פון למודים איז: פינף קלאסן אין ענגליש יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, פון 8.30 אוונט, — געשיכטע פון סאציאליסטישע באוועגונגען און אידיש (שפראך). מיטוואך, 8.30 אוונט, אידיש (ליטעראטור), און 9.30, געשיכטע פון אידן אין אמעריקע. פאר דעם קלאס מאטעמאטיק זיינען ניטא גענוג שילער, דעריבער וועט דער געגנשטאנד נישט געלערנט ווערן.

די ארבעט גייט איצט אן מיט פולן שוואונג און שטריינגער פינקטלאכקייט. עס איז נאך דא א קליינע צאל פלעצער אין יעדן קלאס, און די וואס ווילן זיך רעגיסטרירן זיינען געבעטן דאס צו טאן גלייך, אום נישט צו פארפעלן קיין לעקציעס און נישט שטערן אנדערע מיט שפעטן צוקומען.

(::)

צאל גט אפליקאציעס אין אנטעריא ניט גרויס

טאראנטא אקט. 19.— 242 אפליקאציעס פאר גט'ן זיינען דא פאררעגיסטרירט געווארן זינט דעם ערשטן יאנוואר. פון דער צאל זיינען 133 אפליקאציעס פון פרויען און 109 פון מענער. אין פארלויף פון סעפטעמבער מאנאט זיינען פאררעגיסטרירט געווארן 40 אפליקאציעס.

35-יאריקע מוטער דערמארדעט אירע פיר קינדער און באגייט זעלבסטמארד

ווילמינגטאן, אהייא, אקט. 18. — א 35־יאריקע מוטער האט דערשאסן אויף טויט אירע פיר קינדער, און זי האט דערנאך גענומען איר אייגענעם לעבן, אריינשיסנדיק זיך א קויל אין הארצן.

די אורזאך פון דער טראגעדיע, גלויבט מען, איז געווען די שווערע עקאנאמישע לאגע פון דער פאמיליע. די מוטער האט זיך פריער באקלאגט פאר די שכנים, אז זי איז אזוי באזארגט, אז זי פארלירט איר פארשטאנד. זי איז אוועק אין שול און האט ארויסגערופן אירע קינדער, דערציילנדיק זיי, אז זיי דארפן אוועקפארן, — און זי האט זיי אזוי אפגעפירט צו דער שחיטה.

דער מאן איז געווען אין שטאט בעת די טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט ביי אים אין דער היים. ווען ער האט זיך צוריקגעקערט אהיים, האט ער געפונען די קערפערס פון זיינע דריי טעכטער אויפן דיל אין שלאף־צימער, און די מוטער מיט א אינגעלע זיינען געלעגן טויטע ארום דער טיר פונם צימער.

יאפאן זאגט זיך אפ פון אננעמען פארשלאגן פון פעלקער ליגע

אכט פארדערונגען פון דער ליגע צוריקגעוויזן פון יאפאנעזישער רעגירונג — יאפאן סטראשעט מיט צוריקציען זיך פון פעלקער־ליגע

טאקיא, אקט. 19.— די יאפאנעזישע רעגירונג האט אינסטרואירט איר פארטרעטער אין זשענעווא קענקיטשי יאשיהארא, אז ער זאל באקעמפן די אכט פארשלאגן וואס זיינען געמאכט געווארן ביי דער פעלקער ליגע פארן אויסגלייך פונם יאפאנעזיש־כינעזישן סכסוך. עס ווערט דערווארטעט, אז די פארהאנדלונגען פון דער ליגע זאלן איצט ווידער דערגרייכן א טויט־פונקט.

די הויפט פארדערונגען פון דער ליגע זיינען: אז יאפאן זאל געבן פארזיכערונגען אז זי וועט באזייטיקן אירע טרופן פון מאנדזשוריע אין משך פון דריי וואכן, און אז דירעקטע פארהאנדלונגען צווישן יאפאן און כינע זאלן זיך אנפאנגען אין משך פון איין וואך צייט. עס ווערט פארשטאנען, אז יאפאן וועט בשום אופן ניט איינגיין אויף די דאזיקע פארדערונגען און וועט ניט מאכן בכלל קיין פשרות אין זשענעווא, באשטייענדיק אויף דעם, אז זי האט אריינגעפירט אירע סאלדאטן אין מאנדזשוריע אין די אינטערעסן פון זעלבסט־שוץ. יאפאן איז בכלל שטארק אומצופרידן, וואס דער ליגעס פארדערונגען ציילן, אז זי "מיספארשטייט יאפאנס מאטיוון".

א צוויי־שעה'דיקע זיצונג פונם קאבינעט איז אפגעהאלטן געווארן, און לויט דער באהויפטונג פון דער היגער פרעסע, איז דארטן באשלאסן געווארן, אז דערוויייל איז ניט נויטיק פאר יאפאן צוריקצוציען פון דער פעלקער ליגע. עס ווערט אבער פארשטאנען, אז אין פאל אויב די ליגע זאל אננעמען וועלכע ס'איז צוואנג־מיטלען קעגן יאפאן, ווי אן עקאנאמישן באיקאט, דאן וועט יאפאן ארויסגיין פון דער ליגע.

גרעסטער דערפינדער פון דער צייט, טאמאס עדיסאן, געשטארבן אין עלטער פון 84 יאר

וועסט ארענדזש, נ. דזש. אקט. 18. — טאמאס אלווא עדיסאן, גרעסטער דערפינדער פון דער צייט, איז היינט (זונטאג) פרי געשטארבן אין עלטער פון 84 יאר. זיין טויט איז געקומען ווי אן איבערגאנג פון צייטווייליקן צום אייביקן שלאף, — די לעצטע טעג איז ער געלעגן אין א באוואוסטלאזן צושטאנד און זיין הארץ האט ביסלאכווייז אויפגעהערט צו קלאפן אויף אייביק.

די פרוי, די קינדער און נאענטע פריינט פון דעם פארשטארבענעם זיינען געווען ביי זיין בעט בעת ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה.

עדיסאן קומט פון א משפחה וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט לאנגע יארן. זיין עלטער־זיידע, א ניו־יארקער באנקיר, האט געלעבט ביז 104 יאר, זיין זיידע — 103 יאר, און זיין פאטער — 94 יאר.

עדיסאן האט אנגעהויבן זיין לעבנס קאריערע ווי א ציטונגס אינגל אויף דער באן. צו 15 יאר האט ער זיך גענומען פאר זשורנאליזם, גרינדנדיק א דרוקעריי אויף דעם באגאזש וואגאן פונם גרענד טראנק צוג אויף וועלכן ער האט פארקויפט ציטונגען, און ארויסגעגעבן דארטן דעם "גרענד טראנק הערלד".

שפעטער האט ער זיך אויסגעלערנט טעלעגראפיע, און איז געווארן א טעלעגראפיסט ביי דער גרענד טראנק. דא האבן זיך זיינע דערפינדערישע פעאיקייטן אנגעהויבן ארויסווייזן, און ביסלאכווייז האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען א גלענצנדע קאריערע פונם גרויסן דערפינדער, ביז 1878, ווען ער האט דערפונדן דעם פאנאגראף, איינער פון די גרעסטע וואונדערס פון דער צייט, און דערנאך — דעם עלעקטרישן לעמפל אין 1879. ער האט דערנאך פארגעזעצט זיינע דערפינדונגען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

וויכטיקסטע פאליטישע פאסירונגען פאר די לעצטע צוויי טעג

קיין וואלן אין מאניטאבא

אין א רעדע ביי א באנקעט פרייטאג אוונט, האט פרעמיער ברעקען געמאכט א סוף צו די קלאנגען וועגן באלדיקע פראווינציעלע וואלן, דערקלערנדיק, אז עס וועלן ניט דורכגעפירט ווערן קיין וואלן דעם הארבסט. דאס מיינט, אז די וואלן זיינען ענדגילטיק אפגעלייגט געווארן ביז קומענדיקן זומער.

דער אנאנס פונם פרעמיער איז געקומען נאך א קאקוס פארזאמלונג פון די רעגירונגס מיטגלידער פון דער לעגיסלאטור, וואו די מייסטע מיטגלידער האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן באלדיקע וואלן.

1,286 קאנדידאטן נאמינירט אין גרויס בריטאניע

אין די נאמינאציעס פאר פארלאמענטארישע וואלן אין גרויס בריטאניע לעצטן פרייטאג, זיינען 1,286 קאנדידאטן נאמינירט געווארן פאר די 615 מאנדאטן, — דאס איז מיט 444 ווייניקער, ווי אין די לעצטע אלגעמיינע וואלן.

אזויפיל ווי 65 פון די נאמינירטע זיינען דערקלערט געווארן דערוויילט "ביי אקלימיישאן", ווייל זיי זיינען געווען די איינציקע אין די וואל־דיסטריקטן נאמינירט צו ווערן. פון זיי זיינען קאנסערוואטיוון, 47; סיימאן ליבעראלן, 7; סעמועל ליבעראלן, 5; ארבעטער, 6. צווישן זיי זיינען אויך דא 7 מיניסטארן פון דער נאציאנאלער רעגירונג, איינשליסנדיק סטענלי באלדווין.

אין די איבעריקע 550 וואל־קרייזן וועלן אין 14 זיין צו פיר קאנדידאטן, אין 99 צו דריי קאנדידאטן, און אין די איבעריקע 410 — צו צוויי קאנדידאטן.

ברונינג שאפט פאקטישע דיקטאטור אין דייטשלאנד

נאכדעם ווי קאנצלער ברונינג האט געוואונען א מערהייט פון 25 (295 שטימען צו 270) אין א צוטרוי אפשטימונג אין רייכסטאג, האט ער דורכגעפירט א רעזאלוציע פאר דער באלדיקער אויפלייזונג פונם רייכסטאג ביז פעב. 23טן, אזוי אז די רעגירונג זאל דערוויייל האבן א פרייע האנט פארן דורכפיר פון איר פראגראם.

די היטלעריסטן און די נאציאנאליסטן, מיט וועלכע אויך די קאמוניסטן האבן געשטימט קעגן דער רעגירונג, זיינען געווען זייער אנטוישט ווען זיי זיינען דורכגעפאלן, און דערקלערנדיק אז זיי האבן מער ניט וואס צו טאן אינם רייכסטאג, האבן זיי ארויסגעמארשירט. באנוצנדיק זיך מיט זייער אפוועזנהייט, האבן די סאציאליסטן צוזאמען מיט די קאמוניסטן דורכגעפירט א רעזאלוציע וואס פאדערט אויף די רעגירונג אפצושטעלן דעם בוי פון קליינע קרייצערן, זי זאל דאס געלט בעסער באנוצן צו שפייזן קינדער.

די רעגירונג האט געהאט צו פארדאנקען איר מערהייט וואס די עקאנאמישע פארטיי, וואס באשטייט פון 23 דעפוטאטן, האט אין דער לעצטער מינוט באשלאסן צו שטיצן די רעגירונג, כאטש זי איז אין דער אפאזיציע.

א פריערדיקער פארשלאג פון די קאמוניסטן, אז דער רייכסטאג זאל אויפגעלייזט ווערן, איז דורכגעפאלן מיט 230 שטימען צו 252.

קליניק שאפט איבער פינף טויזנט דאלאר אין גאסן זאמלונג

"טעג־ טאג א גרויסער דערפאלג

דער דערפאלג פונם "טעג־טאג" פון מאונט כרמל קליניק, דורכגעפירט לעצטן שבת, איז געווען גרעסער, ווי די סאמע אפטימיסטישע טוער האבן דערווארטעט. די סומע פון $4,258 איז געשאפן געווארן פארן שבת'דיקן טאג אין די גאסן, און, צוזאמען מיט די צוגרייטונג־זאמלונגען איז געשאפן געווארן צווישן $5,200 און $5,500.

ארום פינף הונדערט פרויען און מיידלאך זיינען שבת פרי ארוים אין די גאסן מיט די מאונט כרמל קליניק פושקעס, פארנעמענדיק אלע סטראטעגישע פונקטן אין שטאט. דער קאמפיין איז געשטיצט געווארן פון דער פראווינציעלער רעגירונג און פונם סיטי קאונסיל, און דער עלעקטרישער שילד פונם סיטי האל האט פראקלאמירט דעם זאמלונג טאג. דער עולם האט זיך גאנץ גוט אפגערופן אויף דער זאמלונג, און אויסער די געוויינלאכע "ניקלס" און "דיימס", זיינען אין די פושקעס געפאלן א היבש ביסל קוואדערס, האלבע דאלארס און אפילו דאלארס.

דער ציל פונם קאמפיין איז געווען פינף טויזנט דאלאר, אזוי אז די זאמלונג האט איבערגעטראפן דעם געשטעלטן ציל.

(::)

עפנט נייע פירמע



פ. בעקער

פ. בעקער, וועלכער איז געווען פארבונדן מיט דער בעקער און ניקלסאן קאמפאני, לימיטעד פאר איבער אכצן יאר, האט זיך לעצטנס אפגעטיילט פון דער פירמע און ער האט געעפנט אן ענלאכן געשעפט פאר זיך אליין, אונטערן נאמען "בעקער און זין, לימיטעד".

דער נייער פלאץ געפינט זיך אין 332 בענעטיין עוועניו. מר. בעקער וועט געבן זיין פערזענלאכן אויפזיכט צו זיין נייער אונטערנעמונג.

(::)

טיי פון ארגאניזאציעס פאר סטרייקערס מיטוואך

דעם מיטוואך, אקט. 21טן, פון 3 ביז שפעט, וועט אין דער היים פון מרס. מ. עלקין, 358 בראום עווע., דורכגעפירט ווערן א טיי לטובת דעם פאנד פאר זויבער סטרייקער אין פעטערסאן און מיינער סטרייקערס אין קאלאראדא. די טיי ווערט דורכגעפירט פון א צאל ארגאניזאציעס, איינשליסנדיק ארב. רינג, מענער און פרויען, פרייהייט טעמפל געז. בידע פארבאנד ברענטשעס און בידע פועלי ציון ברענטשעס. אלע זיינען העפלאכסט איינגעלאדן.

(::)

פרוי דאקטאר שטארבט אין מיטן מאכן אן אפעראציע

פילאדעלפיע, אקט. 18.— דר. מארגארעט פ. באטלער, 70 יאר אלט, איינע פון די אנערקענטסטע פרויען כירורגן אין די פאראייניקטע שטאטן, איז געשטארבן פון א הארץ־אטאקע אין דער צייט ווען זי האט געהאלטן אין מאכן אן אפעראציע אין דעם פרויען מעדיצינישן קאלעדזש אין פענסילווייניא.

די אפעראציע איז פארענדיקט געווארן פון אן אנדער פרוי כירורג, ניט פאראורזאכנדיק קיין איבעריקע ליידן צום פאציענט.

(::)

מזל טוב

א זון געבארן צו מר. און מרס. דזש. שאיץ, 287 רעדוואוד עוועניו. מוטער און קינד אין גוטן צושטאנד אין סט. באניפיים האספיטאל.